STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06713

YULYUS UN MARI

M. D. Guiser

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה דוד גיסער

יוליוס און מאַרי

(1905)

ווערק פון מ. ד. גיסער:

פלעמעלעך און פייערלעך, 1929
ביי די פייערן, 1930
לידער און באלארן, 1931
לידער און פאַעמען, 1933
לידער און לענדער, 1945

אַרויסגעגעבן פון אַ קאָמיטעט אין טשילע
אויף דער איניציאַטיוו פון מ. טראַקינסקי

משה דוד
גיסער

יוליוס און מאַרי

(1905)

בוענאָס איירעס
יאָר פון באַפרײַער
גענעראַל סאַן מאַרטין
1950

COPYRIGHT BY
M. D. GUISER

PRINTED IN ARGENTINE

היל ע: וואָלף באַנדורעק

JULIUS UN MARY
(1905)

JULIO Y MARIA

DE

Moisés David Guiser

BUENOS AIRES

1950

"Año del Libertador General San Martín"

יוליוס און מאַרי
(1905)

א

איך האָב פּאָעזיע ליב ביז גאָר,
און גאָר פון איר נאָך ליב איך מער
די ווירקלעכקייט, די וואָרע וואָר,
וואָס מאַכט דאָס לעבן גרינג און שווער.

איך שפּיל מיך נישט מיט שאַרפע רייד,
איך שרייב נישט פערזן אויף באַשטעל,
פאַר יעדער שורה בין איך גרייט
צו צאָלן מיט מיין אייגן פעל.

און איצט, איך זיך, די פּען אין האַנט
און ס'צאַפּלט בלוט אויף איר, די טינט,
איז גוט אַזוי, וואָס מיין פאַרשטאַנד,
נישט בויגט זיך שוואַך, ווי גראָז אין ווינט.

און כאַטש מיין פּערז איז לייכט און צאַרט,
(צו וואָס פאַרלייקענען די וואָר?)
איז אויסגעשמידט, אָן רחמים, האַרט,
דער לעבנס-לויף פון מיינע יאָר.

און דאָך, נישט קוקנדיק דערויף,
וואָס ס'לעבן גיט מיר האַרבן לוין,
טאָ וועק איך אָט די מעשה אויף
און כ'טו איר אָן מיין פּערזן-קרוין.

ב

דאָס איז געווען אין יענעם יאָר,
פון ניינצן פינף, ס'איז גאָרנישט ווייט,
ווען ס'איז געהאַנגען אויף אַ האָר,
דער אויסגאַנג פון אַ נייער צייט...

ווען ס'האָט פון אָרט — אַ טייך געריררט,
וואָס איז געווען פאַרשמידט מיט פראָסט,
און וואו זיין שטראָם-גאַנג האָט געפירט,
דאָרט האָט דעם גליווער — טויט געקאָסט.

אָ, דאַן האָט קיינעם נישט געגלוסט
פאַר איר באַהאַלטן זיך מיט שרעק!
מיט מוט, ווער ס'האָט געהאַט אַ ברוסט,
דער האָט זעם פיינד זי אָפגעדעקט.

ווער ס׳האָט אין מויל אַ וואָרט געהאַט,
אַ שאַרפֿס, וואָס האָט מיט פֿלאַם געגליט,
דער האָט דערפֿון געמאַכט אַ טאַט
און פֿאַר אַ שווערד עס אויסגעשמידט.

נישט קיינמאָל, האָט אַזוי נאָך דרייסט
פֿון בלענדעניש, דאָס פֿאָלק דערוואַכט,
ווי יענעם יאָר, ווען ס׳האָט איין גייסט,
פֿאַר ברידער אַלעמען געמאַכט.

נאָר ס׳האָט דער קייסער ניקאָליי
אויף פּוילן חייל אַנגעשיקט,
מיט פֿלאַם און פֿייער — אַן אַרמיי,
און ווערגט דאָס פֿאָלק און שטיקט, און דריקט...

אָ, ווער האָט דאָן צעצונדן, ווער,
זכריה׳ס בלוט אין יעדן מאַן?
עס זידט און שטילן איז עס שווער
און ס׳רופֿט נקמה יעדער שפּאַן.

עס האָט דער קייסער, ניקאָליי,
באַפֿוילן שוואַרץ אויף ווייס פּאַפּיר,
און, ווער עס פֿאָלגט נישט, דעם איז וויי, —
אויף טורמע, תליה און סיביר.

נאַר ברענט אַ פייער, איז נישט גרינג
פאַרלעשן עס מיט וואָס ס'זאָל זיין.
דער פלאַם צעשפרייט זיך, יעדער פונק
צינדט וועלטן אָן און נעמט זיי איין.

דאָס פאָלק, דאָס לאַנד, איז פול מיט בראַנד,
דער ווילן איז, ווי דינאַמיט.
און מורדים שטעלן ווידערשטאַנד
דעם בייזן פיינד אויף שריט און טריט.

ג

אין קראָנץ פון אַלע פוילנס שטעט,
האָט ראָדעם גאָר אַ גרויסן שם;
זי האָט דעם בעסטן ביר און מעד,
אַ שטאָט — אַ כּרך פון פיל פּאַרנעם.

ס'איז וואַרשע גרויס, גאָר גרויס, כאָטש שטיל,
דאָרט שטראָמט די ווייכסל, ברייט פאַרביי.
נאָר ראָדעם האָט פאַבריקן פיל
און איז באַרימט מיט גאַרבעריי;

מיט בלוי נעשיר און ווייכן דראָט,
מיט שענסטע שיך פון פיינסטן כראָם.
דאָך, איז זי נישט, ווי לאָדזש, די שטאָט —
פון דאַמף און רויך — אַ שוואַרצער תהום.

זי האָט דעם הימל לויטער, בלאָ,
און אַרבעטער — אַ ליד פאַר זיי!..
וואָס זענען גרייט צו יעדער שעה,
צו קעמפן קעגן שקלאַפעריי.

— — — — — — — — — — — — — —

האָט שטיל געברויזט דאָס הייסע בלוט
און פרייד־געזאַנג אין יעדנס זעל,
געוועזן איז גלויבן, קראַפט און מוט,
נאָר בלויז געפעלט האָט פונק־באַפעל.

געפעלט האָט מער נישט, ווי אַ וואָרט,
וואָס זאָל אַ דונער טון מיט קראַמף
און ראַפּטום זאָל זיך דאָ און דאָרט
צעצונדן העל — דער גרויסער קאַמף.

דער קאַמף פאַר פרייהייט און דערלייז,
און ווער זאָל אויפהויבן די פאָן
די בלוט־באַפאַרבענע, גיי, ווייס,
אַז בלויז אַ יינגל וועט עס טאָן!..

פון וואו געקומען? גיי און פאָרש,
אַז קיינער קאָן נישט זיין געביין.

מעג זיין צו וויסן גרוים דיין דאַרשט,
דו וועסט עס קיינמאָל נישט דערגיין.

ער קומט, ווי סודות־פול, באַנאַכט
אין שפייכלערס, פּינצטער, אומגעריכט,
וואו מענטשן וואַרטן, ווי פאַרשמאַכט,
צו טרינקען ס׳ליכט פון זיין געזיכט.

זיי שלינגען ס׳פייער פון זיין אויג,
ווער איז ער? אָט, דער וואוילער „יאַט“!
וואָס מיט אַ מינדסטן פינגער־נויג,
איז גרייט דאָס פאָלק אויף קאַמף און טאַט?

ד

מיט נעמען. איז ער פול, אָן שיר,
און אומעטום איז ער באַקאַנט.
נישטאָ קיין ווינקל, דוכט זיך. מיר,
וואו ס'ווערט זיין נאָמען נישט דערמאָנט.

ווער ס'האָט געזען אים און געהערט,
דער. וועט געדענקען אים אויף לאַנג.
דאָס האַרץ פון פרייד פאַרציטערט ווערט,
ווען שטאָלץ מען זינגט אים אין געזאַנג.

אַ יינגל נאָך און דאָס איז ער,
מיט מיידל-בעקלעך, צאַרטע הענט,
אַזוי, נישט אַנדערש, אומגעפער,
נאָר פייער אין די אויגן ברענט.

שטיל הויבט ער אָן, און זיינע רייד,
זיי וואַקסן, קריגן פליגלען באַלד.
און, שוין דערזעט מען, ווי עס שטייט —
אַן אַנדערער אין זיין געשטאַלט.

נישטאָ דאָס יינגל, ס׳מיידל־קינד,
וואָס איז געשטאַנען, נאַר־וואָס, שטיל.
עס דונערט, בליצט, — אַ שטורעם־ווינט
צעקאַליערט זיך אין זיין געבריל.

און פעלדזן ברעכט ער, רייסט זיי אָפּ
און שליידערט זיי אויף זיינע פיינד.
ס׳איז פּראָמעטעי צום פאָלק אַראָפּ
מיט פלאַם און ליכט, וואָס גליט און שיינט.

ער טראָגט זיין שטראַליק האַרץ מיט בלענד
אַראָפּ צום פאָלק און ווערט נישט מיד.
און מעשיות וועבט מען שוין, אָן ענד,
פון לעבן זיינס, אין פאָלקס געמיט:

ה

זיין פאָטער איז געווען אַ שמיד,
פון יענע אַלטע, שטאַרקע לייט —
וואָס איז פון ווייטיק, קרענק, באַהיט,
און ס׳רירט פון אָרט אים נישט די צייט.

אַ שווערן וואָגן מיט די פערד
אויפהויבן האָט ער געקענט.
פון יענע יידן מיט די בערד,
וואָס זענען פעסט מיט פיס און הענט.

און זיבן זין געהאַט האָט ער,
אין אים אַליין געראָטן, גלייך.
געאַרבעט האָט ער מיט זיי שווער
און קיינמאָל נישט געווען רייך.

געווען אַ לאַבן־ברויט און — גריץ,
האָט גאָר שוין נישט געפעלט אין הויז,
און האָט אַ יונג געזאָגט אַ וויץ,
איז פון די כלים אַלץ אַרויס.

דער טאַטע לאַכט אַריין אין באָרד,
די בנים פאַלן פון די בענק,
און וואַסער טרינקט מען פון אַ קוואָרט,
און רעדן, רעדט מען: „עטץ" און „ענק".

איז ביי דעם שמיד געשען אַ זאַך,
פון וואָס ער האָט גאָר נישט געדענקט:
נאָך יאָרן פיל, אַ סך... אַ סך —
האָט ס'ווייב אים נאָך אַ קינד געשענקט.

אַ קינד, אַ יונג, דער אַכטער שוין;
אַ „גאָרנישטל", אַ „קיר־און־שפּיי",
די ברידער לאַכן פון „פאַרשוין",
נאָר ס'שטייט די צייט נישט סיי־ווי־סיי...

דאָס ייִנגל וואַקסט, נאָר גאָרנישט דער,
ווי זיינע ברידער, נישט געדאַכט.
פאַר אים דער האַמער איז צו שווער,
און שטענדיק גייט ער אום און טראַכט...

דער טאַטע קלערט און ווערט צעמישט
פון יינגלס דרכים, „וואָסער בראָך!“
אַז צו דער אַרבעט טויג ער נישט,
צו וואָס־זשע קאָן ער טויגן נאָך?

גייט און נעמט דער קליינער „שנעק“
און זאָגט דעם טאַטן איינמאָל „דאָס“:
דו אַרבעטסט, טאַטע! ס׳איז אַ שרעק,
און לעבן האָסטו נישט פאַרוואָס...

— איך בין ביי דיר דער יונגסטער זון,
און שלינג־און־שלאַנג. וויל איך נישט גיין;
טאָ, לאָז־זשע, ווי מיין האַרץ, מיך טון,
איך קאָן ביי דיר נישט בלייבן מיין.

און, ווי געזאָגט, אַזוי געטאָן,
פאַרשוואונדן און — אַ סוף, אַן עק — —
נאָר ס׳הייבט די מעשה ערשט זיך אָן
און פירט אויפסניי, העט, ווייט אוועק...

ו

זיין פֿאָטער איז געווען אַ רב
אין קרוסק, אין פּלוסק, אין קראַסניסטאַוו
און, ווי אַ פּאַסטוך היט די שאָף,
האָט ער געהיטן יעדן „לאַוו".

געלעבט מיט פֿריד, אין גאָטס גענאָד,
און ס'האָבן זיך קהילות נייַן
געקריגט, אַז נאָר אין זייער שטאָט,
זאָל ער, דער ראָש-ישיבה זייַן.

און כאָטש ער האָט געלעבט אין נויט,
געפֿאַסט תּעניתים, בלייך און בלאַס,
האָט ער צעטיילט זייַן ביסן ברויט —
„ולא על מנת לקבל פּרס".

מיט חכמה האָט אים גאָט באַשענקט,
נאָר בלויז די רביצן אַליין,
האָט לאַנג שוין נאָך אַ קינד געבענקט
און אָפט געשטיקט זיך מיט געוויין.

און וויל נישט גאָט, טאָ, וואָס איז שייך?
אַז נישט קיין תחינה, נישט קיין טרער,
קאָן העלפן שוין? איז טאַקע גלייך,
צו בויגן זיך פאַר זיין באַגער.

און דאָך, האָט גאָט „געטוען טון"
זיך צוהערן צו איר געמ׳יט
און, ווי ביי שרה׳ן, האָט אַ זון —
דערפרייט איר לייב, וואָס האָט פאַרבליט.

עס וואַקסט דאָס קינד, זיין נאָמען שמ׳ט:
„אַזוינס איז נאָך גאָר נישט געווען!"
און מענטשן קומען פון דער פרעמד —
דעם עילוי איינמאָל כאָטש צו זען.

און איינמאָל, קומט אַהיים דאָס קינד,
צי האָט זיך איר נאָר אויסגעדאַכט?
ניין, אַ מאַמע איז נישט בלינד!
אַן אַנדערער... נישט דאָ געדאַכט...

וואָס איז מיט דיר? מיין קינד, מיין זון!
וואָס טוט דיר וויי? צי ביסטו קראַנק?
נאָר ער זיצט שטום, אין זיך פאַרטון —
העט ווייט, פאַרטראָגט אים זיין געדאַנק...

ער איז שוין אוים... ווי אומגעריכט
פאַר אים פאַרלאָשן האָט די קנויט,
וואָס האָט געפלאַמט — און איצט געדיכט
פאַרשפּרייט זי פינצטערניש און טויט.

וואָס איז געשען? און, ווי אַרום
האָט ער פאַרלוירן גאָר דעם „שליאַך",
וואָס האָט דורך זיגזאַגן און קרום
געפירט און צוגעזאָגט אַ סך?

איצט, שטייט ער, מיטן וועג, אַליין,
אָן גאָט אין האַרץ, נישטאָ זיין גאָט!..
וואָס איז געשען? וואו זאָל ער גיין
זיך אויסטוען פון שטומען סוד?

און איינמאָל זאָגט ער זיך אַליין:
צו וואָס זיך פּייניקן מיט רייד?
— דער וואָרעם מוז אַרויס פון כריין —
די וועלט איז גרויס, די וועלט איז ברייט...

און אין אַ חשוון-נאַכט, אין ווינט,
אין סלאָטע, רעגן, נעץ און קעלט,
צופוס לאָזט ער זיך און פאַרשווינדט —
זיך זוכנדיק אַ נייע וועלט.

גישטאָ זיין היים, דאָס בילד צערינט —
פון דערפלער, כאַטקעס, דעכלעך שטרוי...
נאָר צייט אַ נייע מעשה שפינט,
וואָס ווערט אין פאָלק דערציילט אַזוי:

ז

זיין פאָטער איז געווען אַ גביר.
אַ האַר, אַ קיניג אינעם לאַנד.
און גאַנצע אוצרות, אָן אַ שיעור,
האָט ער געהאַט ביי זיך אין האַנט.

פון זיינע הויפן — קומט דאָס גלאָז,
פון זיינע גראָבנס — קופּער, אַרץ,
פון זיינע וועלדער — האָלץ און וואָס
עס ווינטשט זיך נאָר אַ מענטשלעך האַרץ.

פון זיינע סאַזשלקעס — די פיש
און פון די סעדער — עפּל, באַר —
באַשיינען יעדן רייכן טיש ;
אויף אַלץ געווען איז ער האַר.

און אויף אים, מען האָט געזאָגט:
אַז וויל ער, „האַלט ער איין דעם ווינט",
דאָס מזל האָט אים נאָכגעיאָגט,
נאָר בלויז געפעלט איז אים האָט אַ קינד.

די מילן זיינען מאָלן מעל.
די וועבערייען — וועבן קאָרט.
אַלץ וואַרפט זיך אונטער זיין באַפעל
און טויט און לעבן טראָגט זיין וואָרט.

און, נאָר איין זאַך, דאָ, איז ער „מאַט".
דאָ האַקט זיין גליק זיך אָפּ געשווינד.
ער האָט קיין יורש נישט געהאַט —
אַ קינד געפעלט האָט אים, אַ קינד...

און, ווען אַ וואונדער איז געשען
און אויף דער וועלט האָט אים געבראַכט
זיין ווייב אַ קינד, איז דאָס געווען
פאַר איר דער טויט, די לעצטע נאַכט.

די צייט, זי שטייט נישט, גייט פאָרויס,
און ווי אַ פויגל אין דער שטייג,
דאָס יינגל וואַקסט אין רייכן הויז:
דאָ לויף נישט, שפּרינג נישט, זיץ און שוויַיג.

מען פלאָפלט, רעדט צו אים פראַנצויז,
די „דאַמע״ פירט אים אויף שפּאַציר,
וואָס נודיעט זי? ער איז שוין גרויס!
ווי ווערט מען פּטור שוין פון איר!

עס גרינט דער פּאַרק, דער אַראָמאַט
פון צוויט און בלומען זיך פאַרשפּרייט,
און וואָלט אַ פריינד כאָטש ער געהאַט,
ווי וואָלט ער זיך מיט אים געפרייט...

און אָפּטמאָל, זעטיקט ער זיין בליק,
פון פענצטער־טורעם, אינדערהויך:
ער זעט זיין פאָטערס גום־פאַבריק
מיט קוימענס צענדליקער און רויך.

עס לויפן באַנדלעך הין־און־הער
און ווינדעס הויבן טויזנט טאָן,
און ס׳רייפט אין אים אַ שטאַרק באַגער,
ווי קוקט מען איינמאָל כאָטש דאָס אָן!

און עס געשעט: נאָך זיין פאַרלאַנג,
מען פירט אים ווייזן, וואָס ער וויל.
ווי דאַנטע אין גהינום־גאַנג —
אַרום אים אימה, רעש, געבריל...

ס׳גהינום גליט, עס זידט, עס ברענט.
עס שפּאַרט אַ דאַמף פון יעדן שפּאַלט.
און שדים־מענטשן — פלאַם, וואָס בלענדט,
און אַלץ צוזאַמען — איין געשטאַלט.

אין איין שטיק ליים צונויפגעקלעפּט,
אַט, רייסט דערפון זיך אָפּ אַ שטיק,
דאָס שטיק עס צאַפּלט, לויפט און לעבט
און עס באַהעפט צום ליים זיך צוריק.

און אַט נעמט גיסן שמעלץ, טשוגון;
עס פליִצט פון טיגל, רויט, דער שטראָם.
און ס׳שטייט אַ מענטש — אַ רויטע זון,
ווי אויסגעוואַקסן פונעם תהום.

אַ שרעק, אַ גרויל לויפט דורך זיין קרייץ
ווי פייער־פונקען, ביז די פיס.
פאַרלוירן האָט די וועלט איר רייץ,
ווי מיאוס דאָס איז, ווי שרעקלעך מיאוס!..

צו זיצן, נודיען זיך אין „שלאָס“
און תמיד פוסט־און־פאַסט צו גיין.
און, אין אַ נאַכט, אַ רעגן־גאָס
פאַרשווינדט ער, נישט צו קומען מיין.

אַזוי דערציילט מען אינעם פֿאָלק,
און איך, באַזינג עס: דייטלעך, קלאָר.
נאָר, זוך און פאָרש, דערגיי דעם טאָלק,
אַ וועלכע מעשה ס׳איז דאָ וואָר.

ח

אויף גליטש פון וועג, אין נאַכט-טומאַן,
אין געסלעך זייטיקע, פאַרדרייט.
דאָרט איז אַן אַלטע שטוב פאַראַן,
וואָס קיינער זעט נישט, וואו זי שטייט.

זי איז פאַרצוימט, מיט ווענט פאַרשטעלט,
מיט שטיבלעך קלעפּיקע פון ליים,
און דורך די נעכט, אין ווינט, אין קעלט,
עס פירט אַ „סליעד״ צו איר געהיים.

ווער ס׳קאָן דעם „סליעד״ — זאָל זיין אַ גרוב —
ער מיידט אים אויס און בלייבט נישט שטיין.
מיט איין באַוועג, ער גרייכט די שטוב,
און קיינער זעט נישט זיין געביין.

— — — — — — — — — — — — — — —

אין גרויסער שטוב מיט בלויע ווענט,
ער גייט מיט ברייטע טריט און שפּאַנט,
מיט אויגן, ערגיץ ווייט געווענדט,
און האַלט אַ בלאַט פּאַפּיר אין האַנט.

ביים טישל זיצט אַ בלאָנדע פרוי,
אין לעמפּל־ליכט איר פּנים שיינט,
און רעדט צו אים מיט שטיל פאַרטרוי:
— דו שטעלסט אויף זיך צו פיל, מיין פריינד!

— אָ, יוליוס, הארץ! דיין וואָרט איז שטאַרק...
דאָס פאָלק פאַרגעטערט דיך, וואָס נאָך?
צי איז דיר ווייניק אַלץ און קאַרג,
וואָס נעמסט אויף זיך אַלץ מערער יאָך?

מיר זענען גרייט, איך שווער ביי אַלץ,
אַז היינט בּאַנאַכט, אַזייגער פיר —
מעג קאָסטן מיך דער קאָפּ, דער האַלדז —
איך קום מיט זיי, באַפרייט, צו דיר!

און, וואָס דערנאָך וועט זיין, זאָל זיין!..
דערווייל, לאָמיר זיצן דאָ —
און טראַכטן שטיל, ביים לעמפּל־שיין,
אַ רגע כאָטש, אַ פערטל שעה.

ער שטעלט זיך אַפּ אַ ווייל ביים שטול,
וואו ס׳זיצט די פרוי, אין שטילקייט, גרייט.
ער גאַפט און שטוינט, זיין האַרץ ווערט פול
און טיף גערירט פון אירע רייד.

נאָר פלוצים, גיט זיין אויג אַ צינד
אַ ווילדער כעס — אַן אוראַגאַן —
וואָס מיינען זיי? — ער איז אַ קינד?
אַ פערד אַ בלינדס, וואָס גייט אין שפּאַן?

אים ברענט און בראַט!.. ווי מיאוס און גראָב
מען שטערט זיין פּלאַן, מען האַלט אים צו!
ער גיט אַ שליידער מיט זיין קאָפּ:
— איך ווער דערשטיקט, מיך גרווילט די רו!!!

ער שטילט זיך איין, ער שוויינגט, ער וואַרט,
פאַרשעמט, ווי פרעמד צו זיך אַליין,
— די צייט פאַרשפּילט — ער זאָגט איר צאַרט:
דו הערסט, מאַרי! דו דאַרפסט שוין גיין.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ער שרייבט צום פאָלק: — אין „אונדזער זיג״1) —
„ווער ס׳וויל דערלעבן שיינע טעג,

1) אַן אונטערערדישע צייטונג.

דער מוז זיך גרייטן צו דעם קריג,
מיט יעדער שטרויכלונג אויף דעם וועג."

„עס איז אַ קאַמף פון „טאָג און נאַכט",
וואו זיגן וועט דאָס פאָלק, דער העלד,
וואָס האָט אין פּיין און נויט געשמאַכט
און גליק געשאַפן פאַר דער וועלט."

„דער קאַמף וועט זיין אין יעדן לאַנד,
אין שטאָט, אין דאָרף, אין וואַלד, אין שאַכט,
און זיגן וועט פון פאָלק די האַנט,
שטייט אויף צום קאַמף! דערוואַכט!.. דערוואַכט!.."

— — — — — — — — — — — — — — — —

אָט, זיצט ער שטיל, ביים זעלבן טיש,
וואָס נאָר געזעסן איז זי דאָ.
ער פילט איר אָטעם וואַרעם, פריש,
ער זעט די אויגן — לויטער, בלאָ.

נאָך קלינגט מיט איר אין שטוב די לופט;
אַ וואונדערלעכע פרוי איז זי!
די „מוטער רחל", וואָס מען רופט:
— אין „ענגן קרייז" — מאַרי... מאַרי...

גיי, נעם, קלער אויף: פאַרווען, פאַרוואָס,
מען רופט איר מיט צוויי נעמען גאָר,

וואָס פּאַסן, ווי אַ וואונדער־מאָס
צו אירע פיר־און־צוואַנציק יאָר?

נישט יעדן אָבער איז אַנטפּלעקט:
„ווער איז די פרוי, אין שיינעם ציר?"
אָט, פאָרט זי, מיט דער באַן — רעספּעקט!..
מען טרעט די ערטער אָפּ פאַר איר.

עס קאַכט, עס רעשט, עס קלינגט דער גלאָק,
אָט, גיט די באַן, מיט פייף, אַ ריר...
און פלוצים... שלאַנק, „פּאַד־קאַזיראָק",
וואַקסט אוים פאַר איר — אַן אָפיציר.

ער כאַפּט איר פיינעם טשעמאָדאַן.
די „דאַמע", דאַנקט: — מערסי!.. מערסי!..
נאָר וואָס ס'איז דאָרט אין אים פאַראַן —
עס קייכט די באַן — דאָס ווייסט, נאָר זי...

— — — — — — — — — — — — — — —

נאָך גירוש רוסלאַנד, יענע צייט,
האָט אין אַ שטעטל זיך, ביים „וויעפּזש",2)

2) אַ פּוילישער טייך.

פון טיף סיביר, פון ערגיץ ווייט —
אַ ייִד, אַ רוסישער — באַזעצט.

זיין הויז געקוקט האָט צו דעם טייך
מיט שויבן קילע, ווי באַגין,
נאָר וואָס צו ייִדישקייט איז שייך,
האָט קנאַפּ געוואוסט דער „גאָספּאָדין".

זיין האַנט געווען איז אָפן, ברייט.
זיין ווייב — אַ הויך און בלאָנד געשטאַלט.
און ס'האָט זיין טאַרטאַק זיך געשפּרייט —
אַ וויאָרסט די לענג. ביים עק פון וואַלד.

געהאַט צוויי זין, מיט שוואַרצע האָר,
וואָס תמיד ברענט אויף זיי די הויט;
סטודענטן. און... פון אַכצן יאָר —
ווי בלוט און מילך — אַ שיינע מויד.

אַ קינד, אַ גאָטס-געשאַנק, וואָס חוץ
איר פריצישקייט, פון הויכן קלאַס,
האָט זי געהאַט אַ האַרץ, אַ גוטס,
צום פאָלק, צום פּראָסטן מענטש פון גאַס.

און, וואו געוויזן האָט זיך נויט,
אַ קינד אַ שוואַכס, אַ פרוי, פאַרזאָרגט,

האָט זי געבראַכט, אַ מילך און ברויט
און עפּעס געלט נאָך אויסגעבאָרגט.

זי האָט אין קאַמף איר דורשט געשטילט,
מיט אַרבעטער געווען פאַרמישט.
און זי גערופן האָט מען מילד:
די „מוטער רחל" — אַנדערש נישט...

— — — — — — — — — — — — — — —

ביי אים, גאָר היימיש הייסט זי נאָר:
„נאַדיעזשדאַ", „נאַדיאַ", אָן געדריי,
און ס'קומט אים, ווי אַ מעשה פאָר
דער שפּיל, מיט אירע נעמען צוויי.

„די מוטער רחל פון אַרם"
מאַרי... מאַרי... אין קרייז פון פריינד
דאָס פאָלק, עס שענקט נישט נעמען סתם,
עס בינדט דעם נעכטן מיטן היינט.

עס טרוימט פון צוקונפט, רום און ליבּ
צו ד ע ם, צו ד ע ר, וואָס ס'פאָלק **פאַרערט**!..
אין גאָלד פאַרוואַנדלט זיך דער שטויב
און בלומען שפּראָצן פון דער ערד.

ט

אין גרוי פון טעג, אין ווינטער־פרעסט,
ווען ס'איז די וועלט אין אייז, אין שניי,
געקומען זענען ווילדע געסט —
קאַזאַקן אַן — פון טיף ראַסיי.

אויף פערדלעך קליינע, פלינק אין שפּאַן,
מיט פּיקעס לאַנגע, ביקס און שווערד —
האָט „צאַר" געשיקט זיי פון „קובאַן",
צו ברענגען „פריד" אויף פוילנס ערד.

זיי פליען אָן מיט ווילד געוואַי
און רייטן טרעפּ אַרויף, הויך, הויך...
און שלאָגן קראַנקע, קינד און פרוי
און ראַבעווען, אַזש ס'גייט אַ רויך.

זיי בינדן פויערים, ווי שאָף
און שמייסן זיי, צו וואַרפן שרעק,
און דערפער גאַנצע פּאַר אַ שטראָף
שיקן זיי מיט פלאַם אַוועק.

זיי צינדן שייטערס, שטאָם ביי שטאָם
אינמיטן נאַכט פון האָלץ אַ סך
און זינגען דומפּ פון „קריוואָי נאָס",
וואָס יאָגט און שלאָגט צום טויט דעם „ליאַך".

נאָר הויבט נאָר גרויען אָן דער טאָג
און קריכט, ווי מויז, אַרוים פון קויט,
דאָ גיט אויף זיי מיט שרעק אַ שלאָג —
אַ פאָן, וואָס פלאַטערט העלדיש רויט.

זיי ווערן, ווי פאַרווירט פון שאַנד.
(פאַרקלעפּט מיט „בלעטלעך", גאַס נאָך גאַס),
ווער איז זי די געהיימע האַנט,
וואָס טרייבט מיט זיי דעם ווילדן שפּאַס?

„אָ, זעלנער, ברידער! זין פון לאַנד!
צו אייך מיר רופן אָן אַ סוף:
אָ, איר, וואָס קומט פון ווייטן קאַנט,
נישט הויבט אויף אונדז די ביקסן אויף!"

„נישט ציט די שווערד צו אונדז אויף מאָרד,
ווי ברידער קומען מיר צו אייך!
אין קאַמף פאַר פרייהייט, דאָ און דאָרט,
אַז יעדער מענטש זאָל לעבן גלייך!"

ר

האָט אויסגעבראָכן ראָש די שלאַכט
פון פאָלק אַנטקעגן דעם סאַטראַפּ.
דער „צאַר“, ער וואַרפט זיין גאַנצע מאַכט,
דאָס פאָלק עס ענטפערט קלאַפּ אויף קלאַפּ.

באַנאַכט. מען זינגט: „סלושיי“, „סלושיי“...
מען האַקט און רייסט די טירן אויף,
און שפּיאָנען, זעלנער, פּאָליציי,
מיט קללות לויפן טרעפּ אַרויף.

מען שלעפּט פון בעטן יונגע לייט,
און אַלטע מאַמע ברעכט די הענט,
אַ סטראַזשניק פּייפט, אַ זעלנער שרייט;
און ס׳קלינגט אַ גלאָק: עס ברענט, עס ברענט...

פון פינצטערניש שיסט אוים אַ בליץ;
אַ „מאָנאָפּאָל״ 3), לויכט אויף אין בראַנד
און שנייַ און אייַז צעשמעלצט די היץ,
און נאַכט ברויזט אויף מיט ווידערשטאַנד...

דער פייַנד באַצווינגט די מאַסן שטרענג.
דאָס פאָלק רייַסט אויף די שווערע רו,
די טורמעס ווערן פול און ענג,
און נייַע קעמפּפערס קומען צו.

די באַנען בלייַבן שטום, אָן קראַפט,
מיט שנייַ באַדעקט, אויף פעלדער שטיין,
דער אַרבעטער, וואָס בויט און שאַפט —
ער גייט באַוואוסט צום קאַמף אַליין.

ס׳איז דאָ אַ האַנט, וואָס פירט אַלץ אָן
און צינדט די שלאַכט, און איבעראַל —
צום קאַמף עס רופט די רויטע פאָן,
און ס׳שאַלט — דער „אינטערנאַציאָנאַל״...

---

3) אַ בראָנפן־סקלאַד.

י״א

אָ, פריינד! ווער ס׳האָט אין ניינצן פינף
געקעמפט, געליטן און געלעבט,
דער ווייסט פון יענער צייט דעם זין,
וואָס האָט אַ גרויסן טרוים געוועבט.

אויך איך, מיט ציטער, היינט נאָך בענטש
די הערלעכקייט פון יענע יאָר,
ווען הייליק איז געווען דער מענטש,
און בלוט, — דאָס הייליקסטע, ביז גאָר...

ווען בלויז איין מענטש האָט טויט געדראָט,
האָט אויפגעברויזט די גאַנצע וועלט —
פון לאַנד צו לאַנד, פון שטאָט צו שטאָט
האָט ס׳פאָלק פאַר אים זיך איינגעשטעלט.

ס'איז וואונדערלעך געווען צו זען
אין מישפּט-זאַל, געשמידט עם שטייט
אַ מענטש — פאַר אפשר שופטים צען...
און רעדט צו זיי די שאַרפסטע רייד:

פון פאָלק, וואָס ליידט און בענקט נאָך ליכט
און קעמפט פאַר פרייהייט קעגן „צאַר"...
— און איר, אָ, שופטים פון געריכט!
איר ווילט אים מישפטן דערפאַר?..

מיט האַס שפּרינגט אויף דער פּראָקוראָר
און ווערט אזש פון רציחה רויט...
און גאַוועדט גאַליק: בלוט... טעררער...
און הייסט: — פאַרמישפּטן צום טויט...

מיט פייער רעדט אַן אַדוואָקאַט
און ס'בילד פון „צאַר", אויף וואַנט, מיט שפּאַט
עם שמייכלט „קלאָר" און אַקוראַט,
ווי צוגעשטימט: — צום עשאַפאָט!..

דאָס לאַנד קאָכט אויף, ווי מעשה סדום,
פּראָטעסטן שיטן זיך, ווי מאָן;
מען שטרייקט. די וועלט גייט כאַדאָראָם...
אַ מענטשלעך לעבן שטייט אין קאָן...

יב

נאַר יוליוס רוט נישט טאָג-און-נאַכט,
נישטאָ פאַר אים קיין אַנגסט, קיין גרויל.
ווי איינער, וואָס דעם טויט פאַראַכט
און לויפט אַן שרעק צום לייב אין מויל.

ער פאָרט מיט באַנען, שיף און אַקס,
אויף שליטנס — ווינטער — אינעם פראָסט.
אין ערטער, וואו מען גראָבט דעם וואַקס,
אין דערפלעך, אין דער וועלט פאַרלאָזט.

ער לעבט פאַרשטעלט און אומבאַקענט,
אַ וואָכן צוויי, אין ווייטסטן עק,
און איידער וואָס, עס קאָכט, עס ברענט,
און ס'פאַלט אויף רייכע אַן אַ שרעק:

„מען „בונטעווען״ אין נאָווי-בראָם!..״
די פּריצים כעסן זיך: „פּשיא-מאַטש!..״ 4)
מען וועקט פון שמוץ, מען רייצט דעם כאַם,
עס איז דער פּוילישקייט — אַ פּאַטש...

ער טרעפט אויף שטעטלעך, מאַרק און קלויז,
נאָך שבת-מיטאָק-שלאָף — אַ סוד...
מען רעדט: אַז הינטער פּאָטשטאַרם הויז,
וועט זיין אין וואַלד — אַ „טאַיני-סכאָד״. 5)

נאָר נישט געקוקט אויף שום געפאַר,
אין רבינס גרויסער קלויז ער רעדט
פאַר קעפּ אויף קעפּ, כאָטש וועגט צעשפּאַר
און דונערט שטאָלץ, ווי אַ פּראָפעט.

די יוגנט ברויזט און זינגט פאַר פרייד,
די אַרבעטער, דער עם-הרב,
ווי וואַנט און רינג אַרום אים שטייט
און שרייט: הורראַ!.. נישטאָ קיין שקלאַף!..

4) הונטישע מוטער.
5) געהיימער צוזאַמענקום.

נאָר פּלוצים ווערט אַ שטעטל פול
מיט זעלנער, קללות, ווילד געלויף:
קאָזאַקן פליען אום, ווי דול
פון שטוב צו שטוב, פון הויף צו הויף.

מען שרייט... מען ממית'ט... גלאָז-געבראַזג...
מען זוכט אויף בוידימער — דעם „וואָזשד"...6)
ביז ס'גרויט נאָך נאַכט אַ מידער בליאַסק
פון טאָג — מיט בלוט אויף שניי און פראָסט...

---

6) פירער.

י״ג

ס׳איז דאָ אַ זאַך אַזאַ, וואָס הייסט:
די ליבשאַפט צו אַ העלדן־טאַט.
ס׳איז נישט אַזוי פון קאַמף דער גייסט,
ווי שיין עס איז, מען שפּילט זיך גלאַט.

אַ טאַטנס קינד, וואָס טוט נישט גאָר,
פאַרגלוסט אַ העמדל מיט אַ טראָלד,
און לאָזט זיך וואַקסן לאַנגע האָר,
און שפּילט דעם קעמפער, מעשה־יאָלד.

ער לויפט אויף „בירזשעס“, „ווייִ און אָך!“
און מאַכט אַליץ נאָך ביז קלענסטן פּרט,
און נאָך אַ חודש מיט אַ וואָך —
ער זיצט שוין פעסט אין קאַזעמאַט...

נאָך העלער איז ביים שיינעם מין, —
אַ מיידל, ווי אַ זיסע פלוים,
וואָס שמעקט, ווי לאַנדיש און זשאַסמין,
זי בענקט און טראָגט אין האַרץ אַ טרוים:

אין מאַי, אין וואַלד, אויף גראָזן ווייך,
איר העלד דאָרט שוועבט, — אַ שלאַנקער יונג,
וואָס רעדט צום פאָלק — דאָס פנים בלייך
און פייער שיט זיך פון זיין צונג.

זי איז פאַרליבט און דעקלאַמירט
פון נאַדסאָנען, אַ ליד פון פיין...
אָ, מוזע, מיינע! נישט באַריר,
איר הערצל, מיט די פינגער דיין!..

יד

וועך ס׳האָט אַ האַרץ ווי שטאָל געשמידט
און איז באַזעלט מיט גלויבן שטאַרק —
וועט שפּאַנען דרייסט, מעג זיין ווי מיד,
צום ציל, צום העכסטן שפּיץ פון באַרג.

זיין טראָט, זיין שוואונג, זיין קול, זיין בליק
וועט מיטרייסן דאָס פאָלק מיט מאַכט,
דעם אייזנגיסער פון פאַבריק,
דעם קוילנגרעבער פון דער שאַכט;

דעם שמיד, דעם „זדון" 7), דעם סמאָלע־יונג,
דאָס גאַנצע פאָלק מיט האַק־און־פּאַק

— — — — — — — — — — — — — —

7) אַן אויוון־מאַכער.

וועט אויפטרייסלען, ווי ס׳וואָלט אַ פונק
געפאַלן אויף אַ פולווער־זאַק.

— — — — — — — — — — — — — —

אַ בליץ באַנאַכט, דורך חושך בלינד,
מאַכט ליכטיק דאָ און דאָרט אַ ווייל.
אָט גיט ער איילִיק זיך אַ צינד
און ס׳אויג דערזעט אים אויף אַ מייל.

אָט רירט ער אָן אַ גרעזל שוואַך,
אָט פאַלט ער אויף אַ סטערטע שטרוי,
און ס׳גיט אַ פייער־צונג אַ לאַך —
און אויך ביי מענטשן איז אַזוי.

ווען עמיץ וואָלט אים דאָס געזאָגט,
וואָלט אים פאַרוואונדערט דער פאַרגלייך:
— דער שטורעם איז די צייט, וואָס טראָגט
דעם שטראָם, וואָס פלאַצט אַרויס פון טייך.

נאָר אויך נישט דאָס. געגוג, געגוג
מיט סם, חנופה, לויב און רום!..

אַז ער איז אַלץ, אַי שיין אַי קלוג —
דער העלד פון פאַלק, די שענסטע בלום.

— — — — — — — — — — — — — —

ווער ווייס, וואָס שולדיק איז אין דעם,
וואָס קנייטשן וועבן דורך זיין באַק.
אַמ שאָקלט זיך זיין לינקע ברעם,
אַמ קלאַפּט אַן אָדערל טיק-טאַק.

דאָס אָדערל אויף האַלדז איז בלאָ
און ווי אַ שלענגל דין און קליין;
און עפּעס איז אַן אומרו דאָ
אין אופן פון זיין שטיין און גיין.

דאָס יאָגן, האָווען נעכט און טעג
דורך שטעט און שטעטלעך, נע-וונד,
פון טויט-געפאַר באַגלייט אין וועג,
דאָס שיצן זיך פון שונא׳ס חשד.

דאָס תמיד וואַך זיין, גרייטן פלינק
אַן איבערפאַל, אַ שטרייק, אַ בונט, —
דאָס האָט געלייגט זיך גרוי, ווי טינק,
אויף זיינע באַקן, מיידליש רונד.

מיט אים האָט צייט געטון אַ וואַקס
פון פיס ביז הענט, פון קאָפּ ביז בויך;
די שעוועליור, בלאַקירט ווי פלאַקס,
די שטים אַפּילו אנדערש אויך...

נישט אַלט, פאַלצעט, נאָר ווי אַ גלאָק
וואָס מיט זיין קלונג וויגט אויף די גאַס,
און נעמען פירט ער אים אויף שאָק
מיט שטעמפּלען אויף אַ פרעמדן פּאַס...

אַט הייסט ער ליעוו באַבראָוו, טשערניאַק,
וואַסיל טשיגרין, סערגיי קאָנטשאַל, —
אַ רוס מיט נעמען גאַנץ געשמאַק,
וואָס נוצן — לויט דער צייט — געניאַל.

אין פאָלק, ביי זיך, אויף יידיש פּראָסט,
מען רופט אים אַנדערש יעדעס מאָל.
דאָ הייסט ער „יאַנקל פון פּאַדמאַסט",
דאָ צעדערהאַלץ, דאָ חבר שטאָל.

דאָ ווערט ער גאָר פאַרצויגן צאַרט
מיט איידלקייט, מאַקסימטשיק, כיל;
נאָר ער אויף עפּעס אַנדערש וואַרט,
און ס'יאָגט אים פון דעם נעמען־שפּיל...

טו

דער פרילינג קומט מיט פויגל־ליד,
מיט בליט און צווייט, פון פרייד באַגלייט,
און פון דער ווייט עס פליט און ציט
פון ווילדע גענדז אַ לאַנגע קייט.

דער פויער אויף זיין פעלד זיך מיט,
עס שפּילט אַ פּאַסטוך אויף אַ פלייט,
אויף שליאַך עס שפּאַנט אַ מידער ייד,
עס שיינט די זון, אַ רעגן גייט.

די ערד ליגט שעלמיש זיס, פאַרשייט,
זי שלינגט מיט תאווה רעגן־טראָפּ.
און דורך דעם שטח יאָגט און רייט
אַ „סאַטניע״ 8) זעלנער אין גאַלאָפּ.

8) אַן אָפּטיילונג זעלנער — 100.

פון ערגיץ הערט זיך: „ווײ! געוואַלד!" —
אַ קנאַל. די שטילקייט טוט אַ וואָרף.
און ס׳לעקן פײַער־צונגען באַלד
די שטילע הײַזלעך פון אַ דאָרף.

— — — — — — — — — — — — — —

אויב דאָס איז פרילינג, גאָט, פּאַרציי!..
דאָס פאָלק וועט מאָנען יושר, רעכט.
עס וויל פאַר זיך דעם „אוראַזשײַי" 9)
און נישט דערשלאָגן זײַן, ווי קנעכט.

דאָס פאָלק וויל פרײַהייט אומפאַרשטעלט —
ווי גראָז, ווי בוים, ווי ווינט, ווי שטראַל.
און פון דער פרײַהייט פאַר דער וועלט
עס זינגט אין וואַלד די נאַכטיגאַל.

אויך ראַדעם האָט דערשפּירט דעם נס
פון פרילינג איבער גראָז און בוים.
דעם דינעם דופט פון בלויען בעז,
דעם פרײַהייטס־ווינט וואָס שוועבט אין רוים.

---

9) גערעטעניש.

אָט קומט דער פסח אָן, ווי טרייסט,
אין חודש ניסן, האַלב אַפּריל,
ווען משה האָט זיין פאָלק דערלייזט
פון פרעה׳ס יאָך אין לאַנד פון ניל.

און דאָך — אין שטילן פרילינגס-ווינט
אויף ראָדעמס הייזער, סטאָלב און דאָך,
ווי אַ פּרעלודיע קומט אָן לינד
דער אָנזאָג פון אַ גרויסער זאַך:

דער טאָג פון פרייהייט, ערשטער מאַי!
נאָר עפּעס איז מיט אים דער מער:
די שטאָט איז פול, ווי אַ „סאַריי“ 10),
מיט פערד און האָרדעס מיליטער;

מיט בלאַנדע זעלנער פון וואָלין
און ווילדע רייטער פון קאַזבעק.
די ביימער שטייען טאַקע גרין,
נאָר איבער ראָדעם הענגט אַ שרעק.

איין שאָס — און ס׳וועט זיך טון אַ שאָט
די זעלנעריי, פאַרביסן, ווילד.

---

10) פערד-שטאַל.

מיט ביקס און שווערד. — באַהיט אונדז, גאָט,
פאַר זיך צו זען אַזאַ מין בילד!..

נאָר נישט געלונגען וועט אַצינד
דעם פיינד פאַרווירקלעכן זיין פּלאַן.
דער חבר יוליוס יאָגט געשווינד
און קומט באַנאַכט אַראָפּ מיט באַן.

ער שיקט געהיים און רופט צונויף
פון אומעטום דעם אוואַנגאַרד.
און אונטער נאָז אין פריסטאַווס הויף
אויף טאָג פון קאַמף און טאַט מען וואַרט.

— — — — — — — — — — — — — —

אַ קעלער־שטוב, גאָר פּוסט און לער,
אַ קנויל פון פינצטערניש, געדיכט.
אַ צענדלינג קעפּ, צי אפשר מער,
באַלויכט מיט שיין אַ וועקסן ליכט.

פון טונקלען שיין שיילט אויס זיך שאַרף
נאָר יוליוס איינער, וויז־אַ־ווי.
ער רעדט נאָך שטילער ווי מען דאַרף,
דאָך גיט זיין וואָרט, ווי פּלאַם, אַ ברי.

ער רעדט פון פאַרזיכט, מוט און זין,
נישט גיין אין קאַמף, ווען פיינד איז פעסט.
נאָר קראַפט, געדולד און דיסציפלין
קאָן זיגרייך פירן צום פאַרמעסט.

דער קנויל פון קעפ וויגט אויף צערוישט.
מיט האַסט שפרינגט אויף אַ יונג, אַ ריז:
— גענוג געשפּילט זיך און געפּלוישט.
צום קאַמף איז דאָ נאָר איין דעוויז.

נישט שטיין, נישט גיין פאַרלייגט די הענט —
איז דאָ אַ פיינד, איז דאָ דער קריג.
און בלויז אין אונדז איז איצט געווענדט
דאָס פאָלק צו שמידן פאַרן זיג!..

ווער איז ער דאָס דער „העלד", דער „כוואַט"?
— שפּרינגט אויף אַ שאָטן ביי אַ וואַנט —
וואָס רעדט אַזוי פון קאַמף און טאַט
און האָט דעם זיג שוין אויף דער האַנט?

— דאָס איז דער חבר שלאָם פון דזוויל, —
ברומט אוים אַ שטים מיט כעס אָן שיר.
נאָר פּלוצים ווערט דער קעלער שטיל
און ס'שטייט אַ פרעמדע פרוי אין טיר.

די פרעמדע טוט דעם מאַנטל אויס,
זי נעמט פון קאָפּ אַראָפּ דעם הוט.
נאָר ראַפּטום שיסט אַ פרייד אַרויס:
מאַרי!.. מאַרי!.. הוררא!.. ווי גוט!..

זי לייגט אויף טיש אַ פּאַק אַרויף
און שעפּטשעט שטיל מיט זיסן טאָן.
און וויקלט צאַרט, פּאַמעלעך, אויף —
מיט גאָלד אויף רויט — אַ נייע פאָן.

— — — — — — — — — — — — — —

אזוי פיל זעלנער פּאַראַמאָל
האָט ראָדעם קיינמאָל נישט געהאַט.
ס'איז פול מיט זיי דער גאַנצער וואָל 11)
און ס'שמעקט פון זיי מיט בראָנפן־טשאַד.

קאַלמיצקי־רייטער — אויגלעך קרום —
ווי צוגעקלעפּט צום פערדס געזעם;
פון סטעפּעס ערגיץ ביי באַטום —
קירגיזן מיט צעפּלאַטשטע נעז.

---

11) אַ ראָדעמער גאַס.

טשערקעסן שלאַנקע, לייכט און פלינק,
ווי אַדלערם פליען דורך דעם מאַרק.
און ס׳איז שוין גאַרנישט אַזוי גרינג
צו זיין ביי זיי געוואַגט און שטאַרק...

דאָס אַלץ פאַרגרייט צום ערשטן מאַי,
אַ ווילדע חתונה, גאַר רייך!..
וואו אָנשטאָט „וואָדקאַ“, קוואַס און „טשאַי“,
וועט בלוט זיך גיסן, ווי אַ טייך.

און כאָטש געווען ס׳איז פרילינג, דאָך
האָט פראָסט געטון באַנאַכט אַ פריר,
ווי ס׳וואָלט דער וועלט געטון אַ שטאָך
אַ בייזער גייסט מיט זיין באַריר.

אַ גאַנצע נאַכט נאָר טריק־און־טראַק
און קליפּ־און־קלאַפּ פון ווילדע פערד,
ווי ס׳וואָלט אויף מאָרד אַ היידאַמאַק
געשליפן פאַר דער וועלט אַ שווערד.

דער פרילינג פרעסטלט, פרירט דעם דעך,
די חיה ציטערט אין איר פעל.
דער זעלנער שעלט זיך מיאוס און פרעך
און גראַבט זיך איין אין זיין שינעל.

טז

אַז אויסגעוואַקסן ס׳איז דער טאָג
אַ פרילינגדיקער אין זיין פּראַכט,
האָט בליציק באַלד געטון אַ שלאָג —
אַז ס׳איז די גאַנצע שטאָט באַוואַכט.

לעגיאָנען זעלנער, ראָטעס — „זוואָד״,
סאַפּיאָרן, פּוסגייער, פּאַטרול,
צום שיסן גרייט מיט פּולימיאָט, —
אַ היישעריק — אָן ברעג, אָן גבול.

נאָר ס׳איז די שטאָט געווען ווי טויט,
ווי ס׳וואָלט אַ שטורעם איר פאַרביי...
נאָר בלויז דריי פאָנען האָבן רויט
געפלאַטערט הויך אויף קוימענס דריי...

— — — — — — — — — — — — — —

ווי ס׳איז באַנאַכט געווען קאַלט,
אַזוי האָט טאָג צעגליט געברענט.
אַ פייער פון דעם הימל פאַלט
און ס׳אָטעמען מיט היץ די ווענט.

די מחנות זעלנער זשומען בלויז
און ניוכען אומעטום אויף פאַנג.
די שטאָט קוקט אוים געשוואָלן, גרויס,
און יעדער גאַס איז טאָפּלט לאַנג.

מען הערט קיין סקריפּ נישט פון קיין ראָד,
קיין פויער קומט נישט אויף קיין פור,
ווי עמעץ וואָלט די גאַנצע שטאָט
געלאָזט אַן מינדסטן לעבנס־שפור...

און דאָך — פאַרשטעקט אין שטרוי אַ סטויג,
ביי שפּאַרעס, לעכער, בוידעם־שפּאַלט, —
איז דאָ אַ שאַרף און לויטער אויג,
וואָס קוקט אַראָפּ צום גאַס, וואו ס׳האַלט...

אומזיסט אומנישט געשטעלט אויף פּוס
הולאַן, הוזאַר, קאָזאַק, טשערקעס,
דעם קליינעם לעט, דעם הויכן רוס,
פאַרשטויבט און מיד, שוין צוויי מעת־לעת.

די פערד, מיט פולע מיילער שוים,
זיי קריכן שלאַבעריק און מיד,
און בייסן ס'אייזנדל פון צוים,
ווי ס'וואָלט די צונג זיי אָפּגעבריט.

אַ גענעראַל רייט אָן אין גאַס
און זוכט „בונטאָוושטשיקעס" פאַרצערט,
און שוימט מיט כעס און שרייט פון האַס,
ווי אויסגעשפּאָט און אָפּגענאַרט...

יז

ווער האָט פאַרשפּרייט פון מויל־צו־מויל,
אַז „מוטער־רחל" גוססט, שטאַרבט ?..
אַז זי, געטראָפן פון אַ קויל,
האָט ראָדעמס מאַי מיט בלוט באַפאַרבט ?

ווען ס'חייל איז אָוועק צום „פּרעס",
אין יענעם טאָג צו מיטיק־צייט,
איז זי אַרויס, ווי ס'קומט אַ נס,
מיט בלויז אַ הייפל יונגעלייט.

דעם רוים האָט רויט געטון אַ שניט
אַ פאָן, אַ פלאַמיקע, מיט פרענדז ;
און ס'האָט די גאַס געזונגען מיט
דאָס ליד פון שטורעם : „דאַלי וויענץ" !..12)

---

12) „ווייטער גיי!.." אַ פערז פון פוילישן אַרבעטער־ליד „טשערוואָני שטאַנדאַר".

און אַט־אַ שוועבן „בלעטלעך" שטיל
אויף קעפּ מיט פייער־וואָרט און גלוט,
וואָס רופט: צו שטורמען די „באַסטיל",
אין קאַמף, ביז לעצטן טראָפּן בלוט.

די קעמפּער שפּאַנען פאָרט, פאָרויס,
נאָר באַלד פון ביקסן אַ געקנאַל...
געפאַר! טרעט אָפּ! דעם טויט מייד אויס!...
יאָג לינקס! שפּרינג רעכטס! צום באָדן פאַל!..

שטיי אויף! אַט דאָ! לויף קרום! לויף גלייך!
נאָר פלוצים, שוין ביים רעטונגס־ציל,
מאַרי גייט אָפּ אין בלוט אַ טייך
און זינקט אין גראָז ביים קראַשנער מיל.

— — — — — — — — — — — — — —

מאַרי, די קרוין פון פאָלק, גייט אויס.
שוין וואָכן צוויי, אין גרינעם טאָל,
און שטיל, בסוד, פון מילנערס הויז,
מען פירט באַנאַכט זי אין שפּיטאָל.

די מוטער קומט פאַרצאָגט און שטום,
דער פאָטער בייסט אַ ליפּ פון צער,

און ס׳דרייען זיך די ברידער אום
און קוקן ווי פאַרגליווערט, שטאַר.

מאַרי, זי ליגט, ווי ס׳קישן — בלייך.
זי טאָר נישט שטאַרבן, ניין, אָ, ניין!..
זי קוקט מיט אירע אויגן ווייך
און זעט ווי אַלץ איז פריש און שיין...

דער סאָד, אין פּראַכט, פאַרהייליקט שטייט
מיט בלעטער־ביימער, גרין־וויאָלעט.
און ס׳דוכט זיך איר, אַז יוליוס גייט
און קומט מיט שטילקייט צו איר בעט.

אים גריסן אַלע בלומען זיס.
וואָס זענען נאָר אין סאָד פאַראַן;
מיט צאַרטקייט וויגט זיך די נאַרציז,
מיט ציטער פלאַטערט דער טולפּאַן.

די רויז, אויף קליינעם דאָרן־בוש,
צעשטראַלט זיך פריידיק, רויט צעגליט.
זי זעט אים בלויז מיט האַרץ און חוש.
אַ שמייכל אויף איר פּנים בליט:

— אָ, יוליוס, פריינד! ביסט דאָ... ביסט דאָ... —
זי פליסטערט היים, ווי אין דעליר —

אָ, זע, ווי אַלץ איז לויטער בלאָ
און גריסט דיין קומען איצט צו מיר...

זי שטרעקט די אָרעמס אוים מיט לוסט,
ווי אים אַרומצונעמען... אַך!..
....
אַ ברי ברענט דורך איר יונגע ברוסט,
ווי פון אַ שפּיז אַ שאַרפער שטאָך...

פון הימל פאַלט אַ הייסער זשוויר,
און ס'איז די זון אַ פייער-פאַן,
און ס'זיצט אַ היידאַמאַק אויף איר
און האַלט אין מויל אַ יאַטיגאַן 13).

זיין גוף איז האָריק ווי אַ בער,
און ס'פּנים איז ווי' פון אַ שווין,
ער כריפעט: ווּעסט נישט לעבן מער!..
הו, הו!.. הו, הו!.. ביסט מיין!.. ביסט מיין!..

זי צאַפּלט זיך אין זיינע הענט
ווי ביי אַ רויב-חיה — אַ שאָף.

---

13) אַ קרומער טערקישער קינזשאַל.

און, ווי אין בליץ פון איין מאָמענט,
זי כאַפּט זיך אויף פון בייזן שלאָף...

— — — — — — — — — — — — — — — —

זי קוקט אַ ווייל מיט שרעק, פאַרוויינט.
אויף וואַנט עס הענגט אַ „קרוציפיקס" 14).
און, ווי אַ גזלן, גלאָצט פאַרשטיינט
ביים טיר אַ זעלנער מיט אַ ביקס.

ס'איז נאַכט. טויט שטיל. אין אַנגסט געוויקט,
זי זוכט דעם טאָג — וואו איז ער איצט?
און אין אַ קרייז די הענט פאַרלייגט,
האַלב וואַך, ביים בעט אַ נאַנע זיצט.

די נאַנע וויגט זיך הין־און־הער
און מאַכט די אויגן אויף און צו.
זי זעט גאַרנישט, צו איר מאַלער 15),
ווי ס'פּלאַצט די נאַכט פון צופיל רו;

---

14) געקרייציקטער אויפן צלם.

15) גרויסער אומגליק.

אַז קענגן איר, אין שימער קוים,
וואָס קומט פון ערגיץ אַ לאָמפּאַד,
די קראַנקע וועקט זיך אויף פון טרוים
און קוקט מיט קלאָרקייט, מיד און מאַט.

אַט שטייט איר בעט אין טונקלען זאַל,
אַט שלאָפט איר וועכטערין סיי־ווי.
ווער ווייסט צי ס'וועט דער מאָרגן־שטראַל
נישט טוּיט זי טרעפן אינדערפרי?

ווער ווייסט, צי ס'וועט איר מאַמע נאָך
איר קושן צאַרט און טון אַ גלעט?
עס שפּרינגט דאָס האַרץ, טיאַך־טיאַך, טיאַך־טיאַך,
און ס'וואַקסט דעם זעלנערס סילועט...

יח

די זון, נישט אַנדערש, איז אַ שפּין,
וואָס קריכט מיט שטראַלן־פיס, ווי גאָלד.
ווייל אַנדערש לייגט זיך נישט אויף זין —
פאַרוואָס איר טויט האָט זי געוואָלט.

די נאַכט, וואָס האָט געוואוסט דערפון,
זי האָט געגלעט איר איידל, צאַרט;
און זי — ביים ערשטן שטראַל פון זון —
האָט נאָר דעם טויט אויף זיך דערוואַרט.

איצט ליגט זי שטיל. אויף קיינעם בייז.
ווי תמיד ליב, ווי תמיד שיין.
און ווי אַ בליץ — גאַנץ ראָדעם ווייס,
אַז „מוטער רחל״ לעבט נישט מיין.

זי בעט: נישט דעקט מיין פּנים צו.
זאָל זיין, אַז כ׳בין אַ טויט געוועב.
מעג זיין, אַז כ׳ליג איך ווייס נישט וואו —
נאָר מ׳מאַכט נישט אוים: איך לעב... איך לעב...

וואָס וויינסטו, מאַמע? ס׳איז אַ זינד!
איצט בין איך ווידער מיט דיר דאָ...
איצט שלאָף איך מילד, דיין גאָלדן קינד,
ווי איינגעוויגט, אין גוטער שעה...

— — — — — — — — — — — — — — — —

דער טאָג פאַרביי. און מאָרגן וועט
זיך אָנהייבן דער טרויער־צוג.
דערוויל ליגט נאַכט אין הינ־הער־פלעט
און האָט ביז מאָרגן צייט גענוג.

דערוויל ליגט רואיק נאָך אין שטוב
די שענסטע בלום פון פאָלקס פאַרמעג
און מאָרגן וועט צום פרישן גרוב
דאָס פאָלק באַגלייטן איר אין וועג.

— — — — — — — — — — — — — —

מיט מאַרגן־פּרי אין זונען־שפּראָץ,
ווי אויפגעוועקט פון אַ טראָמפּייט,
האָט, ווי אַ ים, מיט ווילדן טראָץ
אַ מענטשן־שטראָם די שטאָט פאַרפליייצט.

פון גאַסן, געסלעך, שטאָל און ליק,
פון קעלערס, בוידעמס, שטוב און קלייט,
פון וואו אַן אויסריים, אַ פאַבריק —
עס קומט דאָס פאָלק צו איר באַגלייט:

די שוסטערס, שניידערס, סטראַזש 16), און סטרוזש 17),
מיט ריזן־קרענץ אין שוואַרצן קרעפּ,
און צוגעדעקט מיט רויטן פּליוש
איר אָרון שוועבט אויף קעפּ און קעפּ.

— — — — — — — — — — — — — —

וואָלט ער געווען אין ראַדעם כאָטש,
וואָלט אפשר נאַדזשיאַ נאָך געלעבט;

16) פּייער־לעשער.

17) הויז־היטער.

האָט אים דער קאַמף פאַרשלעפּט קיין לאָדזש,
וואו טוך און סאַמעט ווערט געוועבט.

וואו קוימענס קנוילן רויך און סאַזש
און קעסלען הודזשען פול מיט דאַמף;
די שטאָט פון רעדער, רויש און רעש,
פון דרייסטע שטרייקן, בונט און קאַמף.

ער איילט און לויפט, ער פאָרט און יאָגט
פון לאָדזש קיין קאַליש, גער, בענדין,
און אין זיין האַרץ דעם קאַמף ער טראָגט
צום „פונקט", וואו ס'טרייבט אים, דאָרט אַהין.

— — — — — — — — — — — — — —

ווער האָט די „בשורה" אים געברענגט
פון נאַדזשיאַס טויט? אָ, גאָט, מיין גאָט!
ער האַלט זיך פעסט און אָנגעשטרענגט,
נאָר ווי צום פאַלן איז זיין טראָט...

ער וואַקלט זיך בלויז איין מאָמענט.
אָט פאַלט ער אום. גיב אַכט! גיב אַכט!..
ווער ס'האָט די בשורה אים געברענגט,
האָט אויך אים שיר נישט אומגעבראַכט...

יט

ווער ס׳וויים פון „באַלוט“ 18) דעם קוואַרטאַל,
דער קאָן די אָרעמקייט געווי.
די שטיבער — פינצטער, ווי אַ שטאַל,
די מענטשן — אויסגעגנאַגט און גרוי.

אויף הייף — די קופּעס שמוץ און מיסט
מיט פליגן אויסגעפּאַשעט פעט.
און אומעטום נאָר וואו דו ביסט —
די שווינדזיכט שפּאַנט, ווי אַ סקעלעט.

די קינדער — בלייך, ראַכיטיש־קראַנק,
אָן טראָפּן בלוט, ווי אויסגעצאַפּט.
און אין דער מיט פון בעט און שאַנק —
אין יעדער שטוב אַ וועב־שטול קלאַפּט.

18) אַ לאָדזשער פאַרשטאָט.

ביז שפּעט באַנאַכט מען שטריקט און נייט;
אַ סטאָליער הובלט ברעטער גלאַט;
און איבער שטיגן קרום געדרייט
איז דאָ פאַרשטעקט אַ פּאַציאַט 19).

אַ שטוב וואָס ליגט אין לאַבערינט
פון קראָקוועס, באַלקנס, גלייך און שיף,
מיט נאַכט און שפּין-געוועבס באַשפּינט,
געהיימענספול, באַהאַלטן טיף.

— — — — — — — — — — — — — —

און ער, וואָס האָט זיין מיקלט דאָ,
ער שטיקט זיך אין זיין פּיין און שטיקט,
ווי ס׳וואָלט אַ בייזע שוואַרצע קראָ
ביי אים אין קאָפּ מיט האַסט געפּיקט.

ער קוקט פאַרלאָשן צום סופיט,
וואָס נידערט שרעג אַראָפּ צום שוועל
און צו דער שויב פאַרקלעפּט מיט קיט,
וואָס מאַכט פון טאָג אַ תּילי-תּל.

19) אַ בוידעם-שטיבל.

דער פּאָל באַדעקט מיט שטויב און קויט,
די לופט פאַרשטיקט, אומאָנגענעם,
און ס׳ליגט אויף טיש אַ לעבל ברויט
און מייזלעך גראַבלען זיך אין דעם.

זיי אַרט גאָרנישט דער מענטש אין בעט,
וואָס קוקט אויף זיי מיט אויגן וואַך
און פראַוועז פריילעך דעם באַנקעט
און פּישטשען צו אויף מויזן־שפּראַך:

— איר זעט, ווי ס׳ליגט דאָרט אומבאַוועגט
דער מענטש, וואָס האָט געטרוימט מיט שוואונג?
און קיינער קומט נישט צו און פרעגט:
צי שטאַרבסט? צי ווילסטו כאָטש אַ טרונק?

ער צאַנקט... ווי גאָרנישט וואָלט געשען...
און רעדט מיט מאָדנע רייד, צעהיצט,
נאָר בלויז איין פרוי, ווי אומגעזען,
ביי אים, מיט טרייסט, צוקאָפּנס זיצט.

זי קוקט צו אים, ווי דורך אַ רייף
פון בלומען־קנאָספּן, ווייסן צווייט,
און רירט אים אָן זיין הייסע שלייף
און גלעט דאָס פּנים זיינס וואָס גליט...

— „דו שטעלסט אויף זיך צופיל, מיין פריינד!..״ 20) —
עס רעדט איר קול, ווי זיס געבעט —
אין קאמף אנטקעגן בייזן פיינד,
איז קיינמאל נישט צו שטארבן שפעט...

— איך האב אין דרייסטקייט זיך געשפילט,
ווייל ס׳האט מיין הארץ דיך שטארק באגערט.
און איצטער, זע, ווי ס׳בלוט מיינס קילט
א קאלט צעשאטן בערגל ערד.

און דו? אויף וועמען ווארטסטו, זאג?
אויף מיר, וואס כ׳בין נאר שאטן בלויז?
אז אלץ, וואס כ׳האב אמאל פארמאגט,
געוועז איז טרוים צו זען דיך גרויס.

און דו, וואס ליגסט אין פיבער־בראנד,
וואס רופסטו מיך צוהילף אצינד?
ער שטרעקט צו איר זיין הייסע האנט,
נאר זי, ווי אייטל רויך, פארשווינדט.

---

20) א פראזע, וואס מארי פלעגט אפט באנוצן.

כ

שוין טעג אוועק, ווי אויסגעוועפּט,
און יעדער פרעגט וואו יוליוס איז.
ס׳קאָן זיין פון שפּיאָנען וואו פאַרשלעפּט,
נאָר קיינער ווייסט נישט אויף געוויס.

שוין לאַנג ווי ס׳גייט אַ ווילדע יאַגד:
מען זוכט פאַר געלט זיין האַלדז צום שטריק;
נאָר ער איז פול מיט ספריט און טאַקט
און ס׳האָט דער קייסער נישט קיין גליק.

ער רירט אויף שטעט צום קאַמף מיט ברען.
און איצט איז לאַדזש געוועז זיין טור.
און ס׳ברייט דער טרויער: וואו און ווען
איז ער פאַרשוואונדן, אָן אַ שפּור?..

צי וואָלט זיך ווער אויף לאָדזש גערינכט,
וואָס איז פּאַר זון מיט רויך פאַרשטעלט,
אַז טיף אין פּאָלק, פון שיכט ביי שיכט,
זאָל זיין אַזוי באַליבט אַ העלד?..

אין מאַרק, אין גאַס, ביים שענק־בופעט,
פון חדר־קינד ביז מאַשיניסט —
מען רעדט און פּאַרשט, מען זוכט זיין „סליעד״;
נאָר ס׳איז די מי אומזיסט... אומזיסט...

שוין זינגען בעמלערס טיף גערירט,
אַזש ס׳גייט דעם לייב אַדורך אַ פראָסט:
— „אַ, מענטשן, הערטס, וואָס ס׳האָט פּאַסירט
מיט חבר יאַנקל פון פּאַדמאָסט!..״

דאָס ליד עס דרילערט אויף־און־אָפּ
מיט בעטלער־יאָמער שעהען־לאַנג:
„אַ, שענקט אַ גראָשן! ווארפט אַראָפּ
אַ ייד פון פענצטער אַ געשאַנק!..״

די פרייליין ראָזע הערט דאָס ליד
און ס׳ברענט און שטעכט איר יעדעס וואָרט.
עס פּלאַצט איר האַרץ, — אַ, גאָט באַהיט! —
און ס׳הויבט איר אונטער אַזש פון אָרט.

זי לויפט פון שטוב אין שטאָט, און לויפט
דורך געסלעך, ליקעם — פינצטער, שמאָל.
און פלוצים שטייט זי אין אַ הויף
און ס'ווערט איר ליכטיק מיט אַ מאָל.

אַ מאָדנע פרייד, געמישט מיט שרעק,
שיינט אויף ווי ליכט אין איר באַגריף:
צי האָט נישט דאָ, אין וויסטן העק,
פאַרשטעקט זיך יוליוס אין ארכיוו?..

אָ, זי, וואָס קאָן זיין מוט און שטאָלץ,
זי פילט זיין לייד ביז מינדסטן שטריך.
נאָר דאָרט, אין קעמערל פון האָלץ,
ער ליגט פאַרצערט אין קאַמף מיט זיך.

איר בלוט צינדט אָן אַ היים קוראַזש,
דער ווינט יאָגט אונטער זי געשווינד,
אַרויף, הויך, הויך, דורך פיר „עטאַזש"
און ס'נעמט זי אויף דער בוידעם בלינד.

אַ קרעכץ פון בלעך, פון וועש אַ שאָרך.
זי שאַרט זיך שטיל, זי גייט און פאַלט.
נאָר באַלד דורך שפּאַרעס רייסט זיך דאָרך
אַ ליכט און ס'ווערט אַ טיר באַשטראַלט.

א טיר וואָס איז נישט טיר, נישט וואַנט.
און דאָך א סוד די וואַנט באַהאַלט.
און ווען ס'איז דער סוד באַקאַנט —
די טיר, אָן מי, זיך עפנט באַלד.

— — — — — — — — — — — — — —

נאָר בלויז דורך נס פון איר אינסטינקט
צום לעבן האָט זי אים געברענגט;
איצט זיצט זי אויף א שטול און ס'זינקט
איר שיינער קאָפּ נאָך שלאָף פאַרבענקט.

דאָס שטיבל לויכט איצט בלענדיק ריין.
דער קראַנקער יוליוס ליגט און קלערט
און וויל דאָס רעטעניש פאַרשטיין,
וואָס ס'האָט דער גורל אים באַשערט.

זי כאַפּט זיך אויף, ער אָטעמט זאַכט,
דאָס פּנים בלייך — ווי א מאַרטיר.
נאָר עפּעס צאַרטס אין איר דערוואַכט,
פון ליב און לייד א שטיל באַריר...

כא

עס איז געווען נאָך פריער האַרבסט
און אים באַזינגען כ׳וואָלט געוואָלט:
געלויבט זיי, מיינסטער, וואָס באַפאַרבסט
דיין צייטיקייט מיט בראָנדז און גאָלד!

די ביימער, קוסטן, צווייג און בוש,
די ליליען, רויזן, ווייס און רויט, —
שוין גיסטו זיי דעם לעצטן קוש
און מאַכסט אומשטערבלעך זיי און טויט.

די בלעטער גאָלדענע, אָן שאָרך,
זיי פאַלן, פאַלן, העלדיש שטיל...
אומשטערבלעכקייט, נאַ, זע און האָרך,
ווי שיין דער מיינסטער פאַרבן וויל —

דעם הארבסט דעם גאָלדענעם! אַ שאָד
וואָס זיינע טעג פארגייען מיד
און גרייכן נישט דאָס אָרט פון שטאָט,
וואו יוליוס קוים זיין אָטעם ציט.

— — — — — — — — — — — — — —

אָ, חברטע, דעם פאָרזיכט בענטש!
דאָס אויג פון שפּיאָן איז אָפן, וואַך...
עס פאָרשט פון קעלער־שטוב דעם מענטש
און אויך דעם איינוואוינער פון דאַך.

שוין וואָכן צוויי, און אפשר מער,
זי זיצט ביים קראנקן־בעט, געטריי,
אליין; און ס׳קומען בלויז אהער —
דער דאָקטער און חברים דריי.

ווי שאָטנס קומען זיי פארנאַכט
און שארן שטיל זיך אויף די טרעפּ,
און ביי דער טיר שוין מיט פארדאַכט,
טוק־טוק, צוויי שמילע סודות־קלעפּ.

אָ, עפן, עפן אויף זיך, באַלד,
פארמאַכטע טיר אין בלינדער שוץ!

און נעם אַריין אין דיין באַהאַלט
די שטילע פריינד פון לויטער גוטס.

— — — — — — — — — — — — — —

זי שטייט מיט אים אין קאַמף בייגאַנד,
כאָטש זי אַ קינד פון רייכסטן „פער".
איר פאָטער, קאָהן — אַ פאַבריקאַנט,
וואָס איז אַ זייל אין פרומען „גער".

די צאַרטע מוטער — אַדל בלויז,
וואָס איז אי פרום אַזוי עלעגאַנט;
זי לייט'נט באַלזאַקן אויף פראַנצויז
און איז מיט היינען גוט באַקאַנט.

און זי, דאָס קינד פון יידיש חן,
ווי אַ בת־מלכה פון אָריענט,
פאַרשטיקט ביז ציטער איר געוויין,
ווען ער איר זאָגט דעם קאָמפּלימענט.

זי קוקט צו אים מיט וויטיק דאָן,
די קליינע פויסטלעך בייז פאַרקלעמט.
ווער ביסטו, זאָג, דו „שלעכטער" מאַן,
וואָס כ'האָב דיך ליב, און ביסט מיר פרעמד?

ער טוט איר ווי. נאָר באַלד מיט דאַנק
עס לויכטן אירע אויגן צוויי.
ער וועט אין לאַדזש איצט בלייבן לאַנג.
דאָס קילט איר לייב ווי פרישער שניי.

— נאָר דאָ, אין לאַדזש, מען דאַרף דיך שטאַרק.
וואָס איז דיר ראַדעם אַ פאַרגלייך ?
אָ, זע די שטאָט ביז גייערס-מאַרק —
ווי שיין, ווי גרויס, ווי פאַרבן-רייך !

דער רויך, וואָס קנוילט זיך טאָג און נאַכט,
איז אויך קיין אומגליק נישט, פאַרשטייסט ?
ס'איז ראַדעם בלויז אַ פונק פון מאַכט,
און לאַדזש איז קאַמף וואו נאָר דו גייסט !..

דאָ לעבן פעלקער דריי צוזאַם,
וואָס וועבן שטאָף פון יעדן מין.
דאָס איז דיר נישט קיין „שטעטל" סתם,
נאָר לאַדזש, וואָס גרייכט אַזש ביז „כּאַרבין"...

ער רעדט און ענטפערט צערטלעך שטיל,
און איר — דאָס האַרץ פאַרבלוטיקט ווערט :
—כאָטש בּיסט פאַר לאַדזש מיט לויבן פיל,
האָט ראַדעם אויך אַ שטיקל ווערט...

דאָרט לעבט מאַרי, וואָס אַנדערש מיינט
און האַלט פון ראָדעם אייזן־פעסט...
און ער לויכט אויף און לאַכט באַחנט,
אַז זי אַליין אין זיך פאַרגעסט.

— — — — — — — — — — — — — —

אויף וואַנט אַ קרומער שפּיגל הענגט
פון אַלט באַזילבערט גרינלעך גלאָז,
וואָס זיכער נאָך די צייט געדענקט
פון „קרול סאָביעסקים״ 21) בייזע נאָז.

נאָר אויך אַ שפּיגל, כאָטש ר׳איז אַלט,
צי אויף דער וואַנט, צי אויף קאָמאָד,
ווייזט אַנדערש גאָר אַ יונג געשטאַלט,
וואָס אים נאָרוואָס פאַרכישופט האָט:

אַ צאַרטער קאָפּ, ווי עלפאַנט־ביין,
אַרומגעקראַנצט מיט צעפּ, ווי שלענג,
אַן אָפן מויל מיט ווייסע ציין
און אויגן צוויי — אַ גאָטס געשענק.

---

21) פון מלך סאָביעסקים צייטן, אַלט.

די הויט פון פנים — טונקל מאַט,
די ליפּן — רויטע; זע און הער,
ווי ס'האַרץ אירס שרומפּט זיך, ווי אַ בלאַט,
ווען ס'קילט איר באַק אַ הייסע טרער.

איצט ליגט ער שוואַך, אָן לעבנס־קראַפט, —
אַ שאָטן בלויז פון דעם באַהעם,
וואָס האָט איר פּיין און שרעק פאַרשאַפט
נישט איינמאָל אין אַ גרויסער קלעם.

ווען ס'האָבן שפּיאָנען זיך געלאָזט
אויף לעבן זיינס, ווי אין געוועט,
האָט זי באַהאַלטן אים אויף שלאָס
אין פאָטערס ענגן קאַבינעט.

אַ ווענטל בלויז האָט אָפּגעטיילט
פון אים איר ראָזן בודואַר;
און ווי אַ וואונד, וואָס נישט פאַרהיילט,
האָט זיך איר פּיין צעגליט ווי זשאַר.

אַ ליידנשאַפט אָזאַ פון גלוסט,
אַ פלאַטערניש, וואָס האָט קיין ברעג,
זי דריקט צום קישן צו איר ברוסט
און ציטערט אויף פון גרויל און שרעק:

מען גייט... מען שפּאַנט... זי הערט אַ סקריפּ
אויף שטיגן — דוכט זיך איר. — נאָר ניין.
ס׳איז שטיל... און זי פאַרבייסט אַ ליפּ
ביז בלוט, אין שלוכץ פון שטיל געוויין.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איצט וואַכט זי איבער אים אויפסניי,
נישט אָפּגעטיילט — אַזאַ מין טראַף.
זי לאָבט אים ווי אַ קינד געטריי,
נאָר ער ליגט אומבאַהאָלפן, שלאַף.

ער קוקט אויף איר און ציטערט אויף,
און ס׳טרעפן זיך צוויי אויגן-פּאָר.
די איינע זאָגט: — עס קומט מיין סוף...
די צווייטע: — ניין! נישט וואָר, נישט וואָר!..

— איצט איז דיין צייט. נאָר ווער געזונט.
דו הערסט? גאַנץ לאָדזש פון יובל ברומט:
די קאַמפּס-אַרמיי פון אונטערגרונט
און ס׳גאַנצע פאָלק — אַז יוליוס קומט...

כב

פון מאָסקווע, פּעטערבורג, אָדעס,
דורך קיעוו, ריגע, סאַמאַרקאַנד,
האָט ווי אַ פליענדער עקספּרעס
זיך אָנגעיאָגט דער קאַמף אין לאַנד.

אַדורך — ווי בליץ — דורך וואַרשע, לאָדזש,
אויף ראָדעם, ברזשין און ביאַליסטאָק;
עס יאָגט די ברענענדיקע פּאָטשט
און ס'רופט צום קאַמף דער פרייהייטס-גלאָק.

די לופט איז אָנגעלאָדן, ווי
מיט דונערן אַ וואָלקן-ברוך;
ביים מינדסטן ריר, ביים קלענסטן צי —
און ס'וועט מיט פייער טון אַ פליוך.

און נישט דער דניעפּער, שטילער דאָן,
מיט גרויל פון היידאַמאַק און „סיטש",
פון בראַנד באַשיצן ווען דעם טראָן,
וואו ניקאָליי דער לעצטער זיצט...

— — — — — — — — — — — — — —

מען האָט פון קאַמף געדעדט צופיל
און אפשר אים באַגריפן קוים,
ווי ס׳וואָלט געווען אַ צירקוס-שפּיל
אַמאָל, אַמאָל, אין אַלטן רוים.

געוואוסט פון „ראַבעספּיער", „מאַראַט",
פון „פוגאַטשאָוו" אין „רוסענלאַנד";
נאָר ווי מען בויט אַ באַריקאַד —
האָט קיינער נישט צומאָל געאַנט.

און איצט, ביים ראַנד פון לעצטן פּרוואוו,
ווען ס׳איז נישטאָ קיין אויסוועג מער,
פאַלט שאַרף און שטרענג דער נייער רוף,
וואָס רופט די מאַסן צום געווער.

— — — — — — — — — — — — — —

ווען ס׳וואָלט געווען נאָר איין פּאַרטיי,
וואָלט גרינג געווען אין קאַמף צום מוט.

נאָר אויב ס׳איז דאָ נאָך מער ווי צוויי —
איז טאַקע שלעכט און גאָר נישט גוט.

גייט פאַר אַ קאַמף פאַר פירער־רעכט,
אויף וואָס, מיט שטאָלץ, מען פרעטענדירט;
און טעג און נעכט, דורך רייד־געפעכט,
די „קליגסטע" טאַקטיק יעדער פירט.

מען שרייט: „פאַררעטער!" ווילד, צעברויזט;
דער קעגנער שווייגט נישט, ענטפערט מיאוס.
מען קלאַפּט אין טיש אַריין מיט פויסט,
ביז ס׳גייט צו קינד דער — „קאָמפּראָמיס"...

— — — — — — — — — — — — — —

דאָס פאָלק האָט אויפגעברויזט. קאָן זיין,
אַז יוליוס האָט אין דעם די שולד.
און ס׳איז אַליין אין קאַמף אַריין,
ווי ס׳וואָלט געפּלאַצט פון אומגעדולד.

אַרויס אויף גאַסן, ווי אַ בראַנד,
און ווילד, מיט שטורעם; אָפּגערוימט
אַיעדן זעלנער־פּאָליציאַנט,
וואָס האָט פאַר אים דעם וועג פאַרצוימט.

אַט פליען וואַגנס — פול געפּאַקט
מיט מענער שטאַרקע פון פאַבריק.
אַזאַ צעהודזשעט ווילדן טאַקט
האָט נישט געהאַט נאָך קיין מוזיק.

עס ברומט, עס שאַלט, עס קאָכט, עס ברענט;
עס גייט די שפּיל: „ווי טאַדללאַז!..״ —
נאָר זיין מוז דאָך אַ דיריגענט,
וואָס פירט דאָס אַלץ מיט זיין היפּנאָז...

אַט פלאַקערט אויף אין אים זיין ספּריט,
ווי אָנגעצונדן פון אַ שטראַל.
מיט וואָגנס צוויי ער טראָגט זיך מיט
אויף הינטער־שטאָט, צום אַרסענאַל.

דאָרט זענען ביקסן שפּאָגל־ניי,
און קעסטלעך קוילן גוט פלאָמבירט...
— שטעלט אָפּ די פערד! און אָן געשריי
מיט מיר אין גראָז מאַרשירט... מאַרשירט!

אַ שטיל פּאַרטייעט זיין אַ ווייל.
אַ שפּרונג, אַ ראַנגלען זיך, אַ קרעכץ,
און שוין. עס פליען אין געאייל
די פּעק און קאַסטנס, לינקס און רעכטס.

און שוין גאַנץ לאָדז מיט יובל טאַנצט
פון יוליום טאַט. מען שפּרינגט און קוועלט,
און מורדיש וואַרט די שטאָט, פאַרשאַנצט —
מיט באַריקאַדעס אויפגעשטעלט...

כג

אָ, לאָדזש, די שטאָט פון רויך און שטויב,
פון דאַמף און רעש, פון ליכט־פאַרבלענדס, —
זי איז איצט שטום, און בלינד, און טויב
און הויערט שוואַרץ ווי אַ געשפּענסט.

באַנאַכט — זי גיסט מיט רעגן־בליי ;
באַטאָג — זי ליגט אין קעלט פאַרשטאַמפּט.
און אָט אַזאַ מין צייט באַדאַי —
האָט לאָדזש זיך דרייסט געכאַפּט צום קאַמף.

געשטעלט צום שלאַכט די קאַדרען גרייט,
מיט פלאַקנס, ביקסן, קאַסעס, העק.
און, ווי צום שפּאַס, דאָס פאָלק געקליידט
אין קורטקעס, סעמיענגעס און רעק ;

און דאָ און דאָרט — אַ פּעלערין,
אַ בורנוס און אַ שוואַרצער שניפּס.
און נישט געפעלט אויך האָט פון מין —
די לאַנגע קאַפּאָטע פון ריפּס.

דאָס „היטעלע" פון שוואַרץ געוואַנט...
„אָ, קוקטס נאָר אָן — די פאָלקס-מיליץ,
וואָס טראָגט מיט שטאָלץ דעם רויטן באַנד
און האַלט גאַנץ לאָדוש אין איר באַזיץ!.."

כד

נישט זוך קיין פינקטלעכקייט אין אַלץ,
וואָס ווערט אין לידער שיין געגראַמט!
דער פערז איז ווי אַן עוקץ זאַלץ,
וואָס מאַכט דעם לעבנס־תוך באַטעמט.

דאָס וואָרט, דאָס רויע, איז ווי זאַמד,
וואָס האָט בריליאַנטן אויך אַמאָל.
נאָר ס׳ליד, דאָס עכטע, תמיד פלאַמט
מיט לויטער שיינקייט, ווי קרישטאָל.

און אויב ס׳האָט יוליוס ס׳ליד דערוויילט,
איז ווייל דאָס פאָלק האָט ליב דעם העלד,
וואָס האָט, ווי ליכט, זיך אויסגעטיילט
צו ברענגען אים — אַ שיינע וועלט...

און איצט, נאָך איצט, ווען אויף דיין לייב
די בייטש פון קעגנוואָרט עס שניידט, —
מיט בלוט פון האַרץ דעם קאַמף באַשרייב
און לעב אים אויף פאַר אונדזער צייט!..

איז וואָס, אַז לאָדזש זיך קנוילט פון גרויל
און ס'שטייט אין פלאַמען אַ באַטריב?
אַז ערגיץ טרעפט אַ בלינדע קויל
אין האַרץ פון דעם, וואָס דו האָסט ליב?

אַז ס'ליגן הונדערטער אַזוי
צעשאָסענע אויף לאָדזשער ברוק?
און אויף דעם אַלץ, צעפליישט און רוי,
גיט קוים די מאָרגן־זון אַ קוק?

איז וואָס, אַז ס'ווערט דיין בלוט פאַרקילט
ביים סקרוך פון יענער שוואַרצער וואָך?
אויב לאָדזש האָט ווען דעם קאַמף פאַרשפּילט —
וועט יוליוס אייביק לעבן דאָך!..

Se terminó la impresión de este libro el día 10 de agosto de 1950, "Año del Libertador General San Martín", en los Tall. Gráf. CULTURA, Sarmiento 2157, Buenos Aires